בַּזּוּג לָנוּ) דְרִיבֶּער שְׁטֵייט בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עוֹג „בַּזּוּגֵ"', לָשׁוֹן בִּזָּיוֹן. פַאַרְמִיאוּסְט (כָּךְ נִדְרַשׁ בְּסִפְרֵי) אַזוֹ אִיז גֶעלֶערוּנְט אִין סִפְרֵי אִין דִי פַּרְשָׁה וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בַּשִּׁטִּים: (לז) וְכָל יַד נַחַל יַבּוֹק). מֶען מֵיינְט (כָּל אֵצֶל נַחַל יַבֹּק) אַלֶע שְׁטֶעט וָוס זֶענֶען לֶעבֶּן טַייךְ יַבּוֹק הָאבֶּן יוּדִין נִיט גֶענוּמֶען (וְכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֱלֹהֵינוּ) אַלֶעס וָוס הקב"ה הָט גֶעבָּאטֶען (שֶׁלֹּא לִכְבּוֹשׁ) מִיר זָאלֶען נִיט אַיינְנֶעמֶען (הִנַּחְנוּ) הָאבֶּען מִיר גֶעלָאזְן אוּנ מִיר הָאבֶּן נִיט גֶענוּמֶען: (א) וַנֵּפֶן וַנַּעַל). זָאגְט רש"י (כָּל צַד צָפוֹן הוּא עֲלִיָּה) דִי גַאנְצֶע צָפוֹן זַייט אִיז הֶעכֶר אוּנ הֶעכֶער אוּנ מֶען דַארְף אַרוֹיפְגֵיין: (ב) וְאַל תִּירָא אוֹתוֹ). פְרֶעגְט רש"י (וּבְסִיחוֹן לֹא הוּצְרַךְ לוֹמַר אַל תִּירָא אוֹתוֹ) בַּיי סִיחוֹן הָאט הקב"ה נִיט גֶעדַארְפְט זָאגֶען צוּ מֹשֶׁה דוּ זָאלְסְט פַאר אִים נִיט מוֹרָא הָאבֶּן? פַר וָוס? סִיחוֹן אִיז דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען אַזוֹ שְׁטַארְק וִויא עוֹג. הָט דָאךְ מֹשֶׁה גֶעדַארְפְט מוֹרָא הָאבֶּען פַר סִיחוֹן וִויא פַאר עוֹג. אוּנ הקב"ה הָט אִים גֶעדַארְפְט זָאגֶען דוּא זָאלְסְט פַר אִים קֵיין מוֹרָא הָאבֶּען, עֶנְטְפֶערְט רש"י נִיט פַאר דִי שְׁטַארְקַייט פוּן סִיחוֹן אוּנ עוֹג הָט מֹשֶׁה מוֹרָא גֶעהַאט (אֶלָּא מִתְיָירֵא הָיָה מֹשֶׁה שֶׁלֹּא תַעֲמוֹד לוֹ זְכוּת שֶׁשִּׁמֵּשׁ לְאַבְרָהָם) נָאר מֹשֶׁה הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר עוֹג שֶׁמֶער וָועט אִים

### רש"י

לנו לשון בזיון כך נדרש בספרי בפרשת (במדבר כה) וישב ישראל בשטים: (לז) כל יד נחל יבק. כל אצל י נחל יבק: וכל אשר צוה ה' אלהינו. שלא לכבוש הנחנו: (א) ונפן ונעל. כל צד לפון הוא עלייה: (ב) אל תירא אתו. ובסיחון לא הוצרך לומר אל תירא אותו אלא מתיירא היה משה כ שלא תעמוד לו זכות ששמש לאברהם שנא' (בראשית

### שפתי חכמים

סיס לו שיכיר שהוא כנו שהיה נכור כמותו לכך כתיב כנו חסר יו"ד והודיענו שנהרג כמו שנהרגו כל בניו: י לפי שידו של אדם אללו קורא כל אלל יד ועיין בפרשת שמות בפסוק הולכות על יד היאור: כ דלפי פשוטו משמע שקאי אליווי מלוה וע"ז פירש שלא וכו':

### ליקוטי מרדכי

(א) וַיֵּצֵא עוֹג וגו'. משֶׁה בִּיט דִי יוּדֶן זֶענֶען גֶעקוּמֶען לֶעבֶּן דִיא שְׁטָאט אֶדְרֶעִי, הָט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט צוּ דִי יוּדֶען מִיר וֶועלֶן דָא גֶעכְטִינֶען מָארְגֶן וֶוען מִיר אָנְהֵייבֶּן דִי מִלְחָמָה, אִין דֶר פְרִיה הָאט מֹשֶׁה גֶעזֶעהֶן עוֹג זִיצְט אוֹף דִיא מָאהֶער פוּן שְׁטָאט אוּנ זַיינֶע פִיס הַאלְט עֶר אוֹף דִי עֶרד, רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דִי לֵיינְג פוּן זַיינֶע פִיס זֶענֶען גֶעוֶוען אַכְטְצֶעהֶן אֵייל, עוֹג הָאט אוּמְגֶעריסֶן אַבַּארְג אוּנ הָט אִים גֶעוָואלְט וַוארְפֶען אוֹף דִי יוּדֶן הָט מֹשֶׁה גֶענוּמֶן אַשְׁפֶּענְדִיל אוּנ הָט אוֹף אִים גֶעזָאגְט דֶעם נָאמֶען פוּן הקב"ה אוּנ הָאט דֶעם שְׁפֶּענְדִיל גֶעהַאלְטֶן אוּנְטֶער דֶעם בַּארְג הָאט דֶר בַּארְג נִיט גֶעקֶענְט פַאלְן אוֹף דִי יוּדֶן, נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּן אֵיינְגֶן אִין דֶר לוּפְט, דִי יוּדֶן הָאבֶּן גֶעזָאגְט פַארְפַאלְן וֶוערֶן דִי הֶענְט פוּן עוֹג וָואס זֵיי הָאבֶּן גֶעקֶענְט אוֹפְהֵייבֶּן אַזוֹ אַבַּארְג, דִי אֱמוֹרִים הָאבֶּן גֶעשְׁפּוֹטְט דִי הֶענְט פוּן מֹשֶׁה וָוס מִיט אַשְׁפֶּענְדִיל קֶען עֶר אוֹפְהַאלְטֶען אַזוֹי אַבַּארְג עֶר זָאל נִיט אַרָאפּ פַאלְן, הקב"ה הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּ זָאלְסְט פַר עוֹג קֵיין מוֹרָא הָאבֶּען וַוייל זַיין מִשְׁפָּט אִיז שׁוֹין לַאנְג גֶעפַּסְקֶנְט גֶעוָוארֶן עֶר זָאל פַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי יוּדֶן, וֶוען אַבְרָהָם הָט מָלֶה גֶעוֶוען זַיין זוּהְן יִצְחָק הָט עֶר גֶעמַאכְט אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אַלֶע מְלָכִים פוּן כְּנַעַן זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִיא סְעוּדָה, עוֹג אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדָה, דִי מְלָכִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט צוּ עוֹג דוּא

### פירוש לתורת אלהים

הָאסְטוּ נִיט גִינֶענְטְהֶגְט כָּל אֵלֶּיךָ כִּייא דֶעם טַייךְ יַבּוֹק כְּלוֹמַר אַלֶע שְׁטֶעט וָוס שְׁטֵייֶען בַּיי דֶעם בָּארְטֶן פוּן דֶעם טַייךְ יַבּוֹק וְעָרֵי הָהָר אוּנ דִיא שְׁטֶעט פוּן דֶעם בַּארְג וְכֹל אוּנ אַלֶע שְׁטֶעט וָוס גָאט הָאט גֶבָּאטֶן אַז מִיר זָאלֶן זֵיי נִיט אַיין נֶעמֶן הָאבֶּן מִיר זֵיי גִילָאזְט: (א) וַנֵּפֶן וַנַּעַל דֶּרֶךְ הַבָּשָׁן אוּנ מִיר הָאבֶּן זִיךְ אָפּ גֶקֶערְט אוּנ מִיר זֶענִין גִינַאנְגֶן מִיט דֶעם וֶועג פוּן בָּשָׁן וַיֵּצֵא אוּנ עוֹג דֶער קֶענִיג פוּן בָּשָׁן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַנְטְקֶעגִין אוּנְז הוּא וְכָל עַמּוֹ עֶר מִיט נָאר זַיין פָאלְק לַמִּלְחָמָה צוּ שְׁטְרַייטִין מִיט אוּנְז בַּייא דֶער שְׁטָאט אֶדְרֶעִי: (ב) וַיֹּאמֶר יְיָ אֵלַי אוּנ גָאט הָט צוּ מִיר גִיזָאגְט אַל תִּירָא אוֹתוֹ דוּ זָאלְסְט דִיךְ פַר אִים נִיט פִירְכְטֶען כִּי דֶען אִין דַיין הַאנְד הָאבּ אִיךְ אִים גִיגֶעבֶּן אוּנ נָאר זַיין פָאלְק וְאֶת אַרְצוֹ אוּנ זַיין לַאנְד וְעָשִׂיתָ לוֹ אוּנ דוּ

האסטו

אֲשֶׁר יוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן׃ ג וַיִּתֵּן יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ בְּיָדֵנוּ גַּם אֶת־עוֹג מֶלֶךְ־
הַבָּשָׁן וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ וַנַּכֵּהוּ עַד־
בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ שָׂרִיד׃ ד וַנִּלְכֹּד
אֶת־כָּל־עָרָיו בָּעֵת הַהִוא לֹא הָיְתָה
קִרְיָה אֲשֶׁר לֹא־לָקַחְנוּ מֵאִתָּם
שִׁשִּׁים עִיר כָּל־חֶבֶל אַרְגֹּב מַמְלֶכֶת
עוֹג בַּבָּשָׁן׃ ה כָּל־אֵלֶּה עָרִים בְּצֻרֹת
חוֹמָה גְבֹהָה דְּלָתַיִם וּבְרִיחַ לְבַד

### אונקלוס

דֶאֱמֹרָאָה דִּי יָתֵב
בְּחֶשְׁבּוֹן׃ ג וּמְסַר יְיָ
אֱלָהָנָא בִּידָנָא אַף יָת
עוֹג מַלְכָּא דְמַתְנָן וְיָת
כָּל עַמֵּהּ וּמַחְנוּהִי
עַד דְּלָא אִשְׁתְּאַר לֵהּ
מְשֵׁזֵב׃ ד וּכְבַשְׁנָא יָת
כָּל קִרְווֹהִי בְּעִדָּנָא הַהִיא
לָא הֲוָת קַרְתָּא דִּי לָא
נְסַבְנָא מִנְּהוֹן שִׁתִּין
קִרְוִין כָּל בֵּית פֶּלֶךְ
טְרָכוֹנָא מַלְכוּתָא דְעוֹג
בְּמַתְנָן׃ ה כָּל אִלֵּין
קִרְוִין כְּרִיכָן מַקְּפָן שׁוּר

### רשב"ם

(ד) ארגב. פתרונו לפי ענינו:

### בעל הטורים

(ה) גבהה דלתים ובריח. ס"ת חנוה דכתיב

תו"א ששים עיר כל חבל ארגב מגילה י שבועות טז ערכין לב: כל אלה ערים בצורות מגילה שם שבועות שם ערכין שם: לבד מערי מגילה ג:

### רש"י

יד) ויכה הפליט והוא עוג: (ד) חבל ארגב. מתרגמינן בית פלך טרכונא וראיתי תרגום ירושלמי במגילת אסתר קורא פלטין טרכונין למדתי חבל ארגוב הפרכיא ל היכל מלך כלו' שהמלכות נקראת על שמה וכן את הארגוב דמלכים אצל היכל מלך הרגו פקח בן רמליהו לפקחיה למדתי שכך נקראת שם ה ההפרכיא: (ה) מערי הפרזי. פרזות

### בית יהודא

העלפן דער זכות וואס ער האט בעדינט צו אברהם (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (ויבא הפליט) דר אנטלאפענער איז געקומען (והוא עוג) דס איז געוועזן עוג: (ד) וחבל ארגוב. זאגט רש"י (מתרגמינן בית פלך טרכונא) אויף דיא צווייטער "חבל ארגוב" טייטשט דר תרגום בית פלך טרכונא וואס איז דערטייטש פון ווארט טרכונא? זאגט רש"י (וראיתי תרגום ירושלמי במגלת אסתר קורא פלטין טרכונין) איך האב געזעהן דעם תרגום ירושלמי אויף מגלת אסתר, אויף דעם ווארט טרכונין טייטשט ער פלטין "פאלאצין" (למדתי) האב איך געלערנט (חבל ארגיב הפרכיא היכל מלך) חבל ארגוב מיינט מען אקעניגליכער פאלאץ (כלומר שהמלכות נקראת על שמה) מען מיינט אזו אפאלאץ וואס דיא מלוכה ווערט גערופען אויף איר נאמען (וכן ואת הארגוב דמלכים) דר ווארט "ארגוב" וואס שטייט אין ספר מלכים (קפיטל טו) מיינט מען אויך אקעניגליכען פאלאץ (אצל היכל המלך הרג פקח בן רמליהו לפקחיה בן מנחם) לעבען קעניגליכען פאלאץ האט פקח בן רמליהו געהרגעט דעם מלך פקחיה בן מנחם (למדתי שכך נקראת שם הפרכיא) פון דאנען האב איך געלערנט ארגוב איז דער נאמען פון אקעניגליכע שטאט: (ה) מערי

### שפתי חכמים

ל כלו' מתוך תרגום ירושלמי למדתי הואיל והורי לפלטין טרכונין ש"מ דארגוב ג"כ ל' טרכונין ופירושו הפרכיא דהיינו היכל המלך: מ דסיפו

### פירוש לתורת אלהים

ואלסט מיט אים טאן כאשר אזו ווי דו האסט געטאן מיט סיחון דעם קעניג פון אמורי וואס ער איז געזעסן אין חשבון: (ג) ויתן יי אלהינו און אונזר גאט האט געגעבן בידנו אין אונזערע הענד גם אוך את דעם קעניג פון בשן ואת כל עמו און גאר זיין פאלק ונכהו און מור האבן אים גישלאגן עד ביז מיר האבן אים ניט פארניכטעט: (ד) ונלכוד את כל עריו און מיר האבן איין גינומען אלע זיינע שטעט בעת ההוא אין יענער צייט לא עס איז ניט געווען קיין שטאט אשר וואס מיר האבן ניט אוועק גנומען מאתם פון זיי ששים עיר זעכציג שטעט כל אלע טייל פון די פאלישן פון דר מלוכה ממלכת עוג בבשן דס קיניגרייך פון עוג פון דר שטאט בשן: (ה) כל אלה ערים בצורות די אלע וואס מיר האבן איין גינומען זענען געווען פעסטע שטעט חומה מיט הויכע מויערן דלתים און מיט טירען ובריח און מיט ריגלען לבד חוץ וואס מיר האבן איין גנומען די אפענע

### ליקוטי מרדכי

האסט געזאגט שרה וועט קיין קינדר האבן, זעהסטו שרה האט געבארן אקינד, האט עוג געזאגט מיט מיין איין פינגער הרגע איך אים, האט הקב"ה געזאגט צו עוג דו חעסט זעהן ווי פון דעם קינד וועלן געבארן ווערן הונדערט טויזענדער קינדער, און די קינדער וועלן דיך הרגענען, נאך זאגט דר מדרש ווען יעקב אבינו איז געקומען אין מצרים און איז געקומען צו פרעה, איז דאמאלס עוג געווען ביי פרעה, האט פרעה געזאגט צו עוג דוא האסט אמאהל געזאגט שרה וועט קיין קינדר האבן, דס איז אאייניקל פון אברהם מיט שרה, און ער איז געקומען צו מיר מיט זיבעציג קינדר און אייניקלאך, האט ער אויף זיי אקוק געטאהן מיט זיין שלעכטע אויג ער זאל זיי געבען אעין הרע, האט הקב"ה צו אים געזאגט דו ווילסט זייגע קינדער פארלענדן מיט דיין שלעכטע אויג וועסטו פארלענדט ווערן פון זייגע קינדער, די תורה דערציילט די וויג פון עוג איז געווען אאייזערנע, און זיא איז געווען ניין איילן די לענג פיר איילן דיא ברייט, אוב איר ווילט וויסן צו עס איז אמת, דיא וויג שטייט נאך אין רבת בני עמון:

מֵעָרֵי הַפְּרָזִי הַרְבֵּה מְאֹד: ו וַנַּחֲרֵם
אוֹתָם כַּאֲשֶׁר עָשִׂינוּ לְסִיחֹן מֶלֶךְ
חֶשְׁבּוֹן הַחֲרֵם כָּל־עִיר מְתִם הַנָּשִׁים
וְהַטָּף: ז וְכָל־הַבְּהֵמָה וּשְׁלַל
הֶעָרִים בַּזּוֹנוּ לָנוּ: ח וַנִּקַּח בָּעֵת
הַהִוא אֶת־הָאָרֶץ מִיַּד שְׁנֵי מַלְכֵי
הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִנַּחַל
אַרְנֹן עַד־הַר חֶרְמוֹן: ט צִידֹנִים
יִקְרְאוּ לְחֶרְמוֹן שִׂרְיֹן וְהָאֱמֹרִי יִקְרְאוּ־
לוֹ שְׂנִיר: י כֹּל עָרֵי הַמִּישֹׁר וְכָל־
הַגִּלְעָד וְכָל־הַבָּשָׁן עַד־סַלְכָה
וְאֶדְרֶעִי עָרֵי מַמְלֶכֶת עוֹג בַּבָּשָׁן:

דָּם דִּילְהוֹן דָּשִׁין וְעַבְרִין
בַּר מִקִּרְוֵי פַּצְחַיָּא סַגִּי
לַחֲדָא: ו וְגַמַּרְנָא יָתְהוֹן
כְּמָא דִּי עֲבַדְנָא לְסִיחוֹן
מַלְכָּא דְחֶשְׁבּוֹן גַּמַּר
כָּל קִרְוֵי גֻּבְרַיָּא נְשַׁיָּא
וְטַפְלָא: ז וְכָל בְּעִירָא
וַעֲדִי קִרְוַיָּא בַּזָּנָא לָנָא:
ח וּנְסַבְנָא בְּעִדָּנָא
הַהִיא יָת אַרְעָא מִיְּדָא
תְּרֵין מַלְכֵי אֱמֹרָאָה דִּי
בְּעִבְרָא דְיַרְדְּנָא מִנַּחְלָא
דְאַרְנוֹן עַד טוּרָא דְחֶרְמוֹן:
ט צִידֹנָאֵי קָרַן לְחֶרְמוֹן
סְרִיּוֹן וֶאֱמֹרָאֵי קָרַן
לֵהּ טוּר תַּלְגָּא: י כֹּל
קִרְוֵי מֵישְׁרָא וְכָל גִּלְעָד
וְכָל מַתְנַן עַד סַלְכָה
וְאֶדְרֶעִי קִרְוֵי מַלְכוּתָא

תו"א צידונים יקראו לחרמון חולין ס:

## בעל הטורים

עריס גדולות ובצורות כשמים: (ז) בזונו לנו. תחלה אמר בזזו לנו מתחלה היתה הביזה חביבה בעיניהם ולבסוף היתה כ"כ הרבה עד שהיתה

## בית יהודא

הַפְּרָזִי. מיינט מען די שטעט וואס זענען (פרוזות ופתוחות בלא חומה) פארשפרייט אונ אפין אן אמויער ואמאהערו ארום שטאט (וכן) אונ אזו שטייט אין פסוק (פרזות תשב ירושלים) די שטאט ירושלים וועט זיין אפין אן אמאהער ארום שטאט: (ו) והחרם. פארוויסטן, זאגט רש"י (לשון היה) אשטענדיגע פארוויסטונג (הלוך וכלות) גיין אונ פארלענרן שטענדיג: (ח) מיד. מיינט מען (מרשות) מען הט ארויסגענומען די לאנד פון דיא מלוכה פון די צוויי מלכים: (ט) וצידונים יקראו לחרמון וגו׳. זאגט רש"י (ובמקום אחר הוא אומר) אויף איין אנדער ארט זאגט דר פסוק (ועד הר שיאון הוא חרמון) ביז צום בארג שיאון דס איז חרמון (הרי לו ארבעה שמות) הט דער בארג פיר נעמן וחרמון, שריון, שניר, שיאון) ולמה הוצרכו ליכתב) צו וואס דארפען זיין געשריבען די פיר נעמען (להגיד שבח ארץ ישראל) צו זאגען די גוטקייט פון ארץ ישראל (שהיו ארבעה מלכיות מתפארות בכך) פיר מלכים האבען זיך בערימט מיט דעם בארג זו אומרת על שמי יקרא) איין מלך האט געזאגט אויף מיין נאמן זאל דר בארג גערופען ווערען (וזו אומרת על שמי יקרא) איין אנדער מלך הט געזאגט אויף מיין נאמן זאל דר בארג גערופען ווערען ואונ אזו האבען געזאגט דיא אנדערע צוויא מלכים: ושניר. (הוא שלג בלשון אשכנז ובלשון כנען) אויף כנעניש אונ דייטשיש שפראכע זאגט מען אויף

## רש"י

ופתוחות בלא חומה וכן (זכריה ב) פרזות תשב ירושלים: (ו) החרם. לשון הוה הלוך וכלות: (ח) מיד. מרשות: (ט) צידנים יקראו לחרמון וגו׳. ובמקום אחר הוא אומר (דברים ד) ועד הר שיאון הוא חרמון הרי לו ד׳ שמות למה הוצרכו ליכתב להגיד שבח ארץ ישראל שהיו ארבעה מלכיות מתפארות בכך זו אומרת על שמי יקרא וזו אומרת על שמי יקרא: שניר. הוא שלג בלשון אשכנז (שנעע) ובלשון כנען:

## שפתי חכמים

עיר חשובה: נ דק"ל כיון דאותיות שרין הם אותיות שניר אלא שנהפכו האותיות שרין שניר וטעמא מאי לכן פי׳ על שם השלג נקרא שנייה"ר:

## פירוש להורת אלהים

שטעט וואס הַרְבֵּה מְאֹד עס איז זייער פיל געוועזן: (ו) וַנַּחֲרֵם אונ מיר האבן זיי פר וויסט כַּאֲשֶׁר אזו ווי מיר האבן געטאן מיט סיחון דעם קעניג פון חֶשְׁבּוֹן הַחֲרֵם האבן מיר פאר וויסט אלע שטעט מְתִם דיא מאנער הַנָּשִׁים די ווייבער אונ דיא קליינע קינדער: (ז) וְכָל הַבְּהֵמָה אונ אלע בהמות וּשְׁלַל אונ דם רוב פון דיא שטעט בַּזּוֹנוּ האבן מיר צו גינומען: (ח) וַנִּקַּח אונ מיר האבן צו גנומען אין יענער צייט אֶת הָאָרֶץ דם לאנד מִיַּד שְׁנֵי פון די צוויי קעניגע פון אֱמֹרִי אֲשֶׁר וואס זיי זענין אויף יענער זייט יַרְדֵּן מִנַּחַל אַרְנֹן פון דעם טייך ארנון עַד הַר ביז דעם בארג חֶרְמוֹן: (ט) צִידֹנִים די מענטשען פון צידון זייא פלעגין רופען דעם בארג חרמון שִׂרְיֹן וְהָאֱמֹרִי אונ דם פאלק פון אמורי יִקְרְאוּ לוֹ פלעגין אים רופען שְׂנִיר: (י) כֹּל עָרֵי אלע שטעט

יא כִּי רַק־עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן נִשְׁאַר
מִיֶּתֶר הָרְפָאִים הִנֵּה עַרְשׂוֹ עֶרֶשׂ
בַּרְזֶל הֲלֹה הִוא בְּרַבַּת בְּנֵי עַמּוֹן
תֵּשַׁע אַמּוֹת אָרְכָּהּ וְאַרְבַּע אַמּוֹת
רָחְבָּהּ בְּאַמַּת־אִישׁ׃ יב וְאֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת יָרַשְׁנוּ בָּעֵת הַהִוא
מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר־עַל־נַחַל אַרְנֹן וַחֲצִי
הַר־הַגִּלְעָד וְעָרָיו נָתַתִּי לָראוּבֵנִי

דְעוֹג בְּמַתְנָן׃ יא אֲרֵי
לְחוֹד עוֹג מַלְכָּא דְמַתְנָן
אִשְׁתְּאַר מִשְּׁאָר גִּבָּרַיָּא
הָא עַרְסֵהּ עַרְסָא
דְפַרְזְלָא הֲלָא הִיא בְּרַבַּת
בְּנֵי עַמּוֹן תְּשַׁע אַמִּין
אֻרְכַּהּ וְאַרְבַּע אַמִּין
פְּתָיַהּ בְּאַמַּת מְלָךְ׃
יב וְיָת אַרְעָא הָדָא
יְרִיתְנָא בְּעִדָּנָא הַהִיא
מֵעֲרֹעֵר דִּי עַל נַחֲלָא
דְאַרְנוֹן וּפַלְגוּת טוּרָא
דְגִלְעָד וְקִרְווֹהִי יְהָבִית
לְשִׁבְטָא דִרְאוּבֵן

## בעל הטורים

בזויה כפניהם והיו כונו לנו: (יא) הלה הוא. בה"א כתיב יבא מי במלך הל"ה פנים והוא דור המושי שלמון בזעו עובד ישי ד"ך ויקח הצרים הללה. הר אחר מרגו על מצה שהיה ה"א ה"א אמה ודלג י' אמה וכלי מלחמתו י' אמה והכהו בקרסוליו שהוא י' אמה:

## רשב"ם

(יא) כי רק עוג מלך הבשן וגו'. לכך אמר לו הקב"ה אל תירא אותו: הנה ערשו. עריסה של קטן כשהיה תינוק בירצ"ל בל"א ערש ברזל לפי שכשהיה קטן היה חזק מאד ובהשתטהו היה משבר ערש של עץ לכן עשאוה של ברזל כי לאדם גדול שיש בו דעת לא היה צריך כך: הלה היא ברבת בני עמון. עדיין מונחת שם במקום שנתגדל בקטנותו לתמהון שהיה גדול בקטנותו כל כך אבל מיטת אדם גדול אין רגילין להצניע

## רש"י

(יא) מיתר הרפאים. שהרגו אמרפל וחביריו בעשתרות קרנים והוא פלט מן המלחמה שנאמר (בראשית יד) ויבא הפליט זהו עוג: באמת איש. באמת ס עוג: (יב) ואת הארץ הזאת ירשנו בעת ההוא. האמורה למעלה ע מנחל ארנון ועד הר חרמון: מערער אשר על נחל ארנון. אינו מחובר לראשו של מקרא אלא לסופו על נתתי לראובני פ ולגדי אבל לענין ירושה

## בית יהודא

שניא „שניר" אונ אויף דעם בארג חרמון ליגט שטענדיג שנייא: (יא) ומיתר הרפאים: עוג איז געבליבן פון די רפאים (שהרגו אמרפל וחבריו בעשתרות קרנים) דר מלך אמרפל מיט זיינע חברים האבן געהרגט די רפאים אין עשתרות קרנים (והוא פלט מן המלחמה) אונ עוג איז אנטלאפן פון די מלחמה (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (ויבא הפליט) דער אנטלאפענער (זהו עוג) דס איז עוג, איז געקומן צו אברהם: ובאמת אישו, מיינט מען (באמת עוג) מיט די הענט פון עוג, וועס עוג האט געמאסטען מיט זיינע הענט: (יב) ואת הארץ הזאת). אונ די לאנד (האמורה למעלה) וואס איז געזאגט פריער אין דיא פסוקים (מנחל ארנו ועד הר חרמון) פון טייך ארנון ביז צום בארג חרמון: ירשנו בעת ההיא, האבן מיר געירשת אין די צייט: ומערוער אשר על נחל ארנון. זאגט רש"י דיא פינף ווערטער (אינו מחובר לראש של מקרא אלא לסופו) געהערען ניט צום אנהייב פסוק נאר צום סוף פסוק (על ונתתי לראובני ולגדי) צום (ונתתי לראובני ולגדי) ואזו מיינט רש"י מיר זאלן ניט זאגן אין פסוק ואת הארץ הזאת ירשנו בעת ההיא מערוער אשר על נחל ארנון, דיא לאנד האבען מיר געירשת אין דיא צייט פון ערוער וואס לעבען טייך ארנון, נאר אזו מיינט דער פסוק ואת הארץ הזאת ירשנו בעת ההיא, די לאנד האבען מיר געירשת אין דיא צייט. וועלכע לאנד? פון טייך ארנון ביז צום בארג חרמון, אונ אזו איז די לאנד איינגעטיילט געווארען מערוער אשר על נחל ארנון וחצי הר הגלעד ועריו נתתי לראובני ולגדי, פון ערוער וואס לעבען טייך ארנון אונ דעם האלבן בארג גלעד אונ זיינע שטעט האב איך געגעבן צום שבט ראובן אונ צום שבט גדו (אבל לענין ירושה עד הר חרמון היה) אבער געירשת האבען מיר פון טייך ארנון ביז

## שפתי חכמים

ס רצ"ל לפי דאמרינן בגמרא עוג עקר טורא בר תלתא פרסה משמע דגדול מאוד היה וכאן כתיב תשע אמות ארכה וארבע אמות רחבה באמת איש ואי קאי באמת איש אכל אדם נמצא שלא היה גובהו אלא ח' אמות דהיינו שתי קומות של כל אדם ואמה יתירה ואם כן איך היה יכול לעקור ההר לכך פירש באמת עוג: ע פירוש לא האמורה אחריו מערוער אשר על נחל ארנון כי הארץ אשר ירשו בעת ההיא מנחל ארנון עד הר חרמון היתה לא מערוער עד חצי הר הגלעד לבבד אלא ע"כ דה"ק ואת הארץ האמורה למעלה שלקחנו משני המלכים שהוא מנחל ארנון עד הר חרמון ירשנו אותה והחזקנו בה ואחר כך התחיל סיפור אחר ואמר מערוער אשר נחל וגו' נתתי לראובני ולגדי והשאר נתתי לחצי שבט מנשה וגו': פ רצ"ל דבפסוק משמע שלא ירשו אלא ארץ זו ונתנו לראובני ולגדי ואחר כך כתיב ויתר הגלעד וכו' נתתי לחצי שבט המנשה וכי מאין היה להם ארץ זו כיון שלא ירשו יותר וע"ז פי' האמורה למעלה מנחל ארנון וכו' רצ"ל

## פירוש להורת אלהים

פון דעם פלאץ וכל אונ גאנץ גלעד וכל הבשן אונ גאנץ בשן ביז סלכה אונ אדרעי ערי די שטעט פון דר קיניג רייך עוג וואס ער איז געוועזן קעניג אין בשן: (יא) כי דען רק נאר עוג דר קעניג פון בשן נשאר איז איבער גבליבן מיתר פון די איבריגע ריזן הנה ערשו זיין בעט ערש איז איין בעט ברזל פון אייזן הלה הוא זיא איז ברבה אין דער שטאט רבת בני עמון תשע אמות ניין איילן ארכה איז איר לענג וארבע אמות אונ פיר איילן רחבה איז איר ברייט אונ זיא איז גמאסטען געווארן באמת מיט איין אייל איש פון איין מענטש [עיין רש"י]: (יב) ואת הארץ אונ די לאנד וואס אובן אין פסוק (ח) שטייט ירשנו בעת ההוא האבן מיר גיארבט אין דר

צייט

וּלְגָדִי: יג וְיֶתֶר הַגִּלְעָד וְכָל־הַבָּשָׁן
מַמְלֶכֶת עוֹג נָתַתִּי לַחֲצִי שֵׁבֶט
הַמְנַשֶּׁה כֹּל חֶבֶל הָאַרְגֹּב לְכָל־
הַבָּשָׁן הַהוּא יִקָּרֵא אֶרֶץ רְפָאִים:
יד יָאִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה לָקַח אֶת־כָּל־
חֶבֶל אַרְגֹּב עַד־גְּבוּל הַגְּשׁוּרִי
וְהַמַּעֲכָתִי וַיִּקְרָא אֹתָם עַל־שְׁמוֹ
אֶת־הַבָּשָׁן חַוֺּת יָאִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה:
שביעי טו וּלְמָכִיר נָתַתִּי אֶת־הַגִּלְעָד:
טז וְלָראוּבֵנִי וְלַגָּדִי נָתַתִּי מִן־הַגִּלְעָד
וְעַד־נַחַל אַרְנֹן תּוֹךְ הַנַּחַל וּגְבֻל וְעַד
יַבֹּק הַנַּחַל גְּבוּל בְּנֵי עַמּוֹן: יז וְהָעֲרָבָה

## אונקלוס

וּלְשִׁבְטָא דְגָד: יג וּשְׁאָר
גִּלְעָד וְכָל דְּמַתְנָן
מַלְכוּתָא דְעוֹג יְהָבִית
לְפַלְגּוּת שִׁבְטָא דִמְנַשֶּׁה
כֹּל בֵּית פֶּלֶךְ טְרָכוֹנָא
לְכָל מַתְנָן הַהוּא מִתְקְרֵי
אַרְעָא גִבָּרַיָּא: יד יָאִיר
בַּר מְנַשֶּׁה נְסִיב יָת כָּל
בֵּית פֶּלֶךְ טְרָכוֹנָא עַד
תְּחוּם גְּשׁוּרָאָה וְאַפְקִירוֹס
וּקְרָא יָתְהוֹן עַל שְׁמֵהּ
יָת מַתְנָן כַּפְרָנֵי יָאִיר עַד
יוֹמָא הָדֵין: טו וּלְמָכִיר
יְהָבִית יָת גִּלְעָד:
טז וּלְשִׁבְטָא דִרְאוּבֵן
וּלְשִׁבְטָא דְגָד יְהָבִית
מִן גִּלְעָד וְעַד נַחֲלָא
דְאַרְנוֹן גּוֹ נַחֲלָא וּתְחוּם
וְעַד יוּבְקָא דְנַחֲלָא
תְּחוּם בְּנֵי עַמּוֹן:
יז וּמֵישְׁרָא וְיַרְדְּנָא

## רשב"ם

במקום אחד כי בהרבה מקומות יש לו מטות: באמת איש. שהגדיל כל ארכו: (יג) ההוא יקרא ארץ רפאים. שנוכר בבריח בין הבתרים כמו שפירש למעלה ואני שמעתי לכך אומר הלה היא ברבת בני עמון מפני ששמע שמשה נצטוה מפי הגבורה אל תצרם ואל תתגר בם על בני עמון דאפילו אנגריא לא הורשו ישראל על בני עמון וידע שישראל ילחמו עליו לכך הקדים ונתן ערשו ומטתו בתוך העיר ברבת בני עמון והיא היתה עיר מלוכה כדמפרש בספר שמואל כדי שלא יכוהו ישראל על מטתו כי ידע שלא תורשו לבא שמה מאברהם:

## בית יהודא

צום בּארג חֶרְמוֹן. וְיֶתֶר הַגִּלְעָד וגו׳ אונ די איבּעריגע פון גִּלְעָד אונ דָם גַאנְצֶע בָּשָׁן הָאבּ איך גֶעגֶעבֶּן צום הַאלְבֶּן שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה: (יג) וְהַהוּא יִקָּרֵא אֶרֶץ רְפָאִים. כֵּיוָן מֵיינְט (הִיא אוֹתָהּ שֶׁנָּתַתִּי לְאַבְרָהָם) דָם איז די לַאנְד רְפָאִים וָוָם איך הָאבּ גֶעגֶעבֶּען צוּ אַבְרָהָם: (טז) ותוך הַנַּחַל וּגְבוּלוֹ. מֶען מֵיינְט וּכָל הַנַּחַל וְעוֹד מֵעֵבֶר לִשְׂפָתוֹ) דֶעם גַאנְצֶן טַייךְ אונ אויךְ דֶעם בְּרֶעג טַייךְ (כְּלוֹמַר) מֶען מֵיינְט וְעַד וְעַד בִּכְלָל וְיוֹתֵר מִכָּאן) פון גִּלְעָד בִּיז צום טַייךְ אַרְנוֹן אונ דֶעם טַייךְ

## רש"י

עד הר חרמון היה: (יג) ההוא יקרא ארץ רפאים. היא אותה צ שנתתי לאברהם: תוך הנחל וגבול. כל הנהל ועוד מעבר לשפתו ק כלומר עד ועד בכלל

## שפתי חכמים

זאת הארץ הזאת האמורה ירשני בעת ההיא ונאותו ארץ נתתי לראובני ולגדי ולחצי שבט מנשה: צ ר"ל לעיל גם כן כתיב ארץ רפאים אבל זו היא רפאים שנתתי לאברהם: ק פי׳ נחלתו של גד שהיתה לפאת מזרחו של ירדן נמשך גורל נחלתו למערב של נחל ארנון כי

## פירוש לתורת אלהים

צייט מֶערוּער פון עֶרוּעֶר וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי דֶעם טַייךְ אַרְנוֹן וַחֲצִי אונ דֶעם הַאלְבֶּן בַּארְג פון גִּלְעָד וְעָרָיו אונ זַיינֶע שְׁטֶעט נָתַתִּי הָאבּ איך גֶגֶעבֶּן לָרְאוּבֵנִי וְלַגָּדִי צוּ דֶעם שֵׁבֶט רְאוּבֵן אונ צוּ שֵׁבֶט גָד: (יג) וְיֶתֶר אוּנ דָם אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג פון גִּלְעָד וְכָל הַבָּשָׁן אוּנ גַאנְץ בָּשָׁן דִיא קֶענִיג רַייךְ פון עוֹג נָתַתִּי לַחֲצִי הָאבּ איך גְגֶעבֶּן דֶעם הַאלְבֶּן שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה כֹּל אַלֶּע קִינִיגְלִיכֶע פַּאלִישֶׁן לְכָל צוּ נָאר דֶעם לַאנְד פון בָּשָׁן הָאט מֶען גְרוּפֶן אֶרֶץ רְפָאִים די לַאנְד פון דיא רִיזִין [עיין רש"י]: (יד) יָאִיר בֶּן מְנַשֶּׁה יָאִיר דֶר זוּהְן פון מְנַשֶּׁה הָט גְנוּמֶן אַלֶּע קִינִיגְלִיכֶע פַּאלִישֶׁן עַד בִּיז דֶעם גְרֶענֶעץ פון גְשׁוּרִי אוּנ פון מַעֲכָתִי וַיִּקְרָא אוֹתָם אוּנ עֶר הָט זֵיי אָן גֶרוּפֶן עַל שְׁמוֹ אוֹף זַיין נָאמֶן אֶת הַבָּשָׁן דָאס אֶרְט וָוס מֶען הָט פְרִיעֶר גְרוּפֶן בָּשָׁן הָט עֶר גְרוּפֶן חַוֺּת יָאִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג: (טו) וּלְמָכִיר אוּנ צוּ מָכִיר פון שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה הָאבּ איך גִיגֶעבֶּען דִיא לַאנְד גִלְעָד: (טז) וְלָרְאוּבֵנִי אוּנ צוּ דֶעם שֵׁבֶט רְאוּבֵן אוּנ גָד הָאבּ איך גִיגֶעבֶּען מִן הַגִּלְעָד פון דֶעם לַאנְד גִלְעָד בִּיז דֶעם טַייךְ אַרְנוֹן תּוֹךְ הַנַּחַל אוּנ דֶעם טַייךְ אוֹךְ וּגְבוּל אוּנ זַיין גְרֶענֶעץ [עיין רש"י] וְעַד אוּנ בִּיז דֶעם טַייךְ יַבּוֹק גְּבוּל וָוס דֶר טַייךְ יַבּוֹק אִיז דִיא גְרֶענִיץ פון עַמּוֹן'ס קִינְדֶר: (יז) וְהָעֲרָבָה אוּנ דֶעם פְּלוֹן וְהַיַּרְדֵּן אוּנ דֶעם יַרְדֵּן אוּנ זַיין גְרֶענְץ [פי׳] מִכִּנֶּרֶת פון כִּנֶּרֶת בִּיז דֶעם יַם וָוס עֶר אִיז אִין פְּלוֹן

וְהַיַּרְדֵּן וּגְבֻל מִכִּנֶּרֶת וְעַד יָם הָעֲרָבָה
יָם הַמֶּלַח תַּחַת אַשְׁדֹּת הַפִּסְגָּה
מִזְרָחָה׃ יח וָאֲצַו אֶתְכֶם בָּעֵת הַהִוא
לֵאמֹר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נָתַן לָכֶם אֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ חֲלוּצִים
תַּעַבְרוּ לִפְנֵי אֲחֵיכֶם בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
כָּל־בְּנֵי־חָיִל׃ יט רַק נְשֵׁיכֶם וְטַפְּכֶם
וּמִקְנֵכֶם יָדַעְתִּי כִּי־מִקְנֶה רַב לָכֶם
יֵשְׁבוּ בְּעָרֵיכֶם אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם׃
מפטיר כ עַד אֲשֶׁר־יָנִיחַ יְהוָה
לַאֲחֵיכֶם כָּכֶם וְיָרְשׁוּ גַם־הֵם אֶת־

וּתְחוּמֵהּ מִגִּנּוֹסַר וְעַד
יַמָּא דְמֵישְׁרָא יַמָּא
דְמִלְחָא תְּחוֹת מַשְׁפַּךְ
מְרָמָתָא מָדִינְחָא׃
יח וּפַקֵּדִית יָתְכוֹן בְּעִדָּנָא
הַהִיא לְמֵימַר יְיָ אֱלָהֲכוֹן
יְהַב לְכוֹן יָת אַרְעָא
הָדָא לְמֵירְתַהּ מְזָרְזִין
תַּעְבְּרוּן קֳדָם אֲחֵיכוֹן
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כָּל מְזָרְזֵי
חֵילָא׃ יט לְחוֹד נְשֵׁיכוֹן
וְטַפְלְכוֹן וּבְעִירְכוֹן יְדַעְנָא
אֲרֵי בְעִיר סַגִּי לְכוֹן
יִתְבוּן בְּקִרְוֵיכוֹן דִּי יְהָבִית
לְכוֹן׃ כ עַד דִּי יְנִיחַ יְיָ
לַאֲחֵיכוֹן כְּוָתְכוֹן וְיֵירְתוּן
אַף אִנּוּן יָת אַרְעָא דַּיְיָ

## רש"י

ויותר מכאן: (יז) כנרת. מעבר הירדן המערבי היה ר ונחלת בני גד מעבר הירדן המזרחי ונפל בגורלם רוחב הירדן כנגדם. ועוד מעבר לשפתו עד כנרת וז"ש והירדן וגבול הירדן ומעבר לו: (יח) ואצו אתכם. לבני ראובן וגד ש היה מדבר: לפני אחיכם. הם היו הולכים לפני ישראל ת למלחמה לפי שהיו גבורים ואויבים נופלים לפניהם שנאמר (דברים לג) וטרף זרוע אף קדקד: חסלת פרשת אלה הדברים

## בית יהודא

ארנון אונ ווייטער פון טייך ארנון ביז צום טייך יבוק ביז צום גרענעץ פון עמון: (יז) ומכנרת. זאגט רש"י (מעבר הירדן המערבי היה) כנרת איז געוועזן אויף די אנדערע זייט ירדן אין מערב זייט (ונחלת בני גד מעבר הירדן מזרחי) דער חלק פון גד איז געוועזן אויף די זייט ירדן אין מזרח זייט (ונפול גורלם רוחב הירדן כנגדם ועוד מעבר לשפתו עד כנרת) איז געווען דר אנהייב חלק פון גד אין מזרח זייט פון ירדן, אונ ביז אריבער די ברייט ירדן אונ אויף די אנדערע זייט ירדן אין מערב ביז כנרת (וזהו שנאמר והירדן וגבול הירדן ומעבר לו) דס זאגט דר פסוק דער חלק פון גד איז געווען דער ירדן אונ דער גרענעץ פון ירדן אין מזרח אונ אויף די אנדערע זייט אין מערב: (יח) ואצו אתכם. זאגט רש"י (לבני ראובן וגד היה מדבר) משה האט איצט גערעט צו דיא קינדער פון שבט ראובן אונ פון שבט גד: ולפני אחיכם. זאגט רש"י (הם היו הולכים לפני ישראל למלחמה) דער שבט ראובן אונ שבט גד זענען געגאנגען אין די מלחמה פאראויס פריער פר די יודין (לפי שהיו גבורים ואויבים נופלים לפניהם) ווייל זיי זענען געווען שטארקע מענטשן אונ די פיינד זענען געפאלען פר זיי (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (וטרף זרוע אף קדקוד) ער הט אפגעהאקט רעה ארעם מיט דעם קאפ מיט איין מאהל:

## שפתי חכמים

פי' וגבול גם הוא גבולו ועוד מעבר הנחל והלאה לצד מערבי עד יבוק ועד בכלל זה בגם יבוק בכלל ויותר מכן: ר פירוש כנרת זו לצד מערב של ירדן מאחר שנחלת גד לפאת מזרח הירדן נמצא שנמשכה נחלתו ממזרח הירדן על כל רחבו ועוד מעבר הירדן והלאה לפאת מערב הירדן עד כנרת וזהו הירדן וגבול שפירושו הירדן עצמו הוא מכלל הנחלה וגם מעבר לו עד כנרת: ש רז"ל דהא כל התוכחות מתחלת הס' עד כאן כולן היו לנוכח כל ישראל וא"כ היאך מוסב עליו חלוצים תעברו לפני אחיכם בני ישראל וכי ישראל יעברו לפני ישראל ועל זה פי' לבני ראובן וגד היה מדבר: ת דאם לא כן מאי לפני ישראל עם בני ישראל מיבעי ליה: חסלת פרשת אלה הדברים

## פירוש לתורת אלהים

ים המלח וואס ער ווערט גירופען דר גיזאלציגער ים תחת אשדות הפסגה אונטער דעם אום גוס פון דיא הייך מזרחה קיין מזרח זייט: (יח) ואצו אתכם [עיין רש"י] איך האב אייך גיהייסין בעת ההיא אין דער דאזיגר צייט לאמר אזו צו זאגן יי' אלהיכם אייער גאט נתן הט אייך גיגעבן את הארץ דיזע לאנד צו ערבען חלוצים גיוואפינט זאלט איר גיין פאראויס פאר אייערע ברידער בני ישראל דיא קינדער פון ישראל כל בני חיל אלע גבורים: (יט) רק נאר נשיכם אייערע פרויען אונ קינדער ומקניכם אונ אייערע פיה ידעתי איך ווייס אז איר הט פיל פיה ישבו בעריכם זאלין זיצען אין אייערע שטעט אשר נתתי לכם וואס איך האב אייך גיגעבן: (כ) עד אשר יניח ביז גאט וועט מאכן רוען לאחיכם אייערע ברידער ככם אזו וויא אייך וירשו אונ זיי וועלן אויך ירשנען די לאנד אשר וואס אייער גאט וועט זייא געבן בעבר הירדן אויף

יע"ר

הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן
לָהֶם בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וְשַׁבְתֶּם אִישׁ
לִירֻשָּׁתוֹ אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם׃ כא וְאֶת־
יְהוֹשׁוּעַ צִוֵּיתִי בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר
עֵינֶיךָ הָרֹאֹת אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לִשְׁנֵי הַמְּלָכִים
הָאֵלֶּה כֵּן־יַעֲשֶׂה יְהוָה לְכָל־
הַמַּמְלָכוֹת אֲשֶׁר אַתָּה עֹבֵר שָׁמָּה׃
כב לֹא תִּירָאוּם כִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
הוּא הַנִּלְחָם לָכֶם׃ ס ס ס

קה . מלכי"ה סימן ומפטירין חזון ישעיהו בישעי' סי' א' :

אֱלָהֲכוֹן יָהֵב לְהוֹן
בְּעִבְרָא דְיַרְדְּנָא וּתְתוּבוּן
גְּבַר לִירֻתְּתֵהּ דִּי יְהָבִית
לְכוֹן׃ כא וְיָת יְהוֹשֻׁעַ
פַּקֵּדִית בְּעִדָּנָא הַהִיא
לְמֵימַר עֵינָיךְ חֲזָאָה יָת
כָּל דִּי עֲבַד יְיָ אֱלָהֲכוֹן
לִתְרֵין מַלְכַיָּא הָאִלֵּין כֵּן
יַעֲבֵד יְיָ לְכָל מַלְכְוָתָא
דִּי אַתְּ עָבֵר לְתַמָּן׃
כב לָא תִדְחֲלוּן מִנְּהוֹן
אֲרֵי יְיָ אֱלָהֲכוֹן מֵימְרֵהּ
יְגִיחַ לְכוֹן׃ ס ס ס

## פירוש לתורת אלהים

יֶענֶר זַייט יַרְדֵן וְשַׁבְתֶּם אִישׁ לִירוּשָּׁתוֹ דַאן וֶועט איר זִיךְ וִוידֶר קֶערֶן יֶעדֶערֶער צוּ זַיין יְרוּשָּׁה אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִיגֶעבֶּען׃ (כא) וְאֶת אוּנ יְהוֹשֻׁעַ הָאבּ אִיךְ גִיהֵייסֶין בָּעֵת הַהִיא אִין דֶער צַייט לֵאמֹר אַזוֹ צוּ זָאגֶען עֵינֶיךָ הָרוֹאוֹת דַייגֶע אוֹיגֶן וָואס הָאבֶּן גִיזֶעהֶן אֵת אַלֶץ וָוס אַייעֶר גָאט הָט גִיטָאן לִשְׁנֵי הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה צוּ דִיא צְווייא קֶענִיגֶע כֵּן יַעֲשֶׂה יְיָ אַזוֹ וֶועט גָאט טָאן לְכָל הַמַּמְלָכוֹת צוּ אַלֶע קֶענִיגֶע אֲשֶׁר וָוס דוּ וֶועסְט אַהִין אִיבֶּר פָארֶן׃ (כב) לֹא תִּירָאוּם פִירְכְטֶעט פַאר זֵייא נִיט כִּי וָוארוּם אַייעֶר גָאט הוּא הַנִּלְחָם עֶר וֶועט מִלְחָמָה הַאלְטֶען לָכֶם פוּן אַייעֶרְט וֶועגֶען׃

## הפטרת דברים (בישעיה סימן א)

חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ אֲשֶׁר חָזָה עַל־יְהוּדָה וִירוּשָׁלָםִ בִּימֵי עֻזִּיָּהוּ יוֹתָם אָחָז יְחִזְקִיָּהוּ
מַלְכֵי יְהוּדָה׃ שִׁמְעוּ שָׁמַיִם וְהַאֲזִינִי אֶרֶץ כִּי יְהוָה דִּבֵּר בָּנִים גִּדַּלְתִּי וְרוֹמַמְתִּי

## פירוש ע"ט

חָזוֹן יְשַׁעְיָהוּ בֶּן אָמוֹץ דָס אִיז דִי נְבוּאָה פוּן יְשַׁעְיָה דֶער זוּן פוּן אָמוֹץ אֲשֶׁר וָוס עֶר הָט פָארְאוֹיס גִיזֶעהֶן אוֹף יְהוּדָה אוּנ יְרוּשָׁלַיִם בִּימֵי אִין דִי טֶעג פוּן עוּזִיָהוּ יוֹתָם אָחָז יְחִזְקִיָהוּ וָוס זֵיי זֶענֶן גִיוֶועזֶן דִי קֶענִיגֶע פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה׃ זָאגְט יְשַׁעְיָה שִׁמְעוּ הֶערְט צוּ אִיר הִימֶל אוּנ פַר נֶעם דוּ עֶרְד כִּי יְיָ דִּבֵּר וָוארוּם גָאט הָאט גִירֶעט אִיר זָאלְט זַיין עֵדוּת׃ בָּנִים דִי קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל הָאבּ אִיךְ זֵייא עֶרְצוֹיגֶען אוּנ הָאבּ זֵייא דֶער הוֹיבֶּן אוּנ זֵייא הָאבֶּען וִוידֶער גִישְׁפֶּענִיגְט אָן מִיר דְרוּם הָט יְשַׁעְיָה מְשַׁנֶּה גִיוֶועזֶן דָם לָשׁוֹן פוּן מֹשֶׁה דֶען מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אוּנ יְשַׁעְיָה זָאגְט פַאר קֶערְט שִׁמְעוּ שָׁמַיִם וְהַאֲזִינִי אֶרֶץ דָם הָט עֶר גִיטָאן כְּדֵי דִיא הִימֶל אוּנ עֶרְד זָאלֶן קֶענֶען עֵדוּת זָאגֶען מִיט אֵיין לָשׁוֹן וָוארוּם אַז עֵדוּת זָאגֶן נִיט מִיט אֵיין לָשׁוֹן אַזוֹ אִיז זֵייעֶר עֵדוּת בָּטֵל (עיין רש"י) יָדַע דֶער אָקְס דֶר קֶענְט אוֹיךְ זַיין הַאר וָואס הָאט אִים גִיקוֹיפְט וַחֲמוֹר אוּנ דֶר. אֵייזִיל אִיז נִיט אַזוֹ קְלוּג וִויא דֶער אָקְס דֶער קָאנְט עֶר עֶרְשְׁט זַיין הַאר דוּרְךְ דֶער קָארִיטֶע יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַע אָבֶּר דָם פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָט מִיךְ נִיט גִיוָואלְט דֶער קֶענֶן חָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פָאטֶער גִירוּפֶן יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאבּ זֵיי מוֹדִיעַ גִיוֶועזֶן טֵייל פוּן מַיינֶע גִיזֶעץ אוּנ זֶענֶן אֲפִילוּ נִיט קְלוּג גִיוֶועזֶן אַזוֹ וִויא דֶר אָקְס עַמִּי מַיין פָאלְק הָט נִיט גִיגֶעבֶּן זַיין הַארְץ צוּ פַר שְׁטֵיין אֲפִילוּ אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹם גִיצוֹיגֶן פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָאבּ זֵיי אַזוֹ פִיל גוּטֶעם גִיטָאן. אוּנ הָאבּ זֵיי גִיגֶעבֶּן עֶסֶין דֶעם מָן אוּנ הָאבּ זֵיי גִירוּפֶן עַמִּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן זֵיי דָאךְ נִיט גִיגֶעבֶּן זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּ פַאר שְׁטֵיין זֵייא זָאלֶן מִיךְ דִינֶן אוּנ זֵייא זֶענֶן עֶרְגֶר גִיוֶועזֶן פוּן דֶעם אֵייזִיל אֶדֶר יָדַע שׁוֹר קוֹנֵהוּ אִיז טַייטְשׁ דֶער אָקְס דֶר קֶענְט זַיין בַּאשֶׁעפֶר עֶר זָאל מוֹרָא הָאבֶּן

והם פשעו בי: ידע שור קנהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע עמי לא התבונן:
הוי | גוי חטא עם כבד עון זרע מרעים בנים משחיתים עזבו את־יהוה נאצו את־
קדוש ישראל נזרו אחור: על־מה תכו עוד תוסיפו סרה כל־ראש לחלי וכל־לבב
דוי: מכף־רגל ועד־ראש אין־בו מתם פצע וחבורה ומכה טריה לא־זרו ולא חבשו
ולא רככה בשמן: ארצכם שממה עריכם שרפות אש אדמתכם לנגדכם זרים
אכלים אתה ושממה כמהפכת זרים: ונותרה בת־ציון כסכה בכרם כמלונה
במקשה כעיר נצורה: לולי יהוה צבאות הותיר לנו שריד כמעט כסדם היינו
לעמרה דמינו: שמעו דבר־יהוה קציני סדם האזינו תורת אלהינו עם עמרה:

פירוש ע״ט

פר אים אונ איז ניט משנה וואס איך גאט האב אוף אים גוזר גוועזן ער זאל אקערן איז ער ניט משנה צו זאגן איך וויל היינט ניט אקערן אונ דר אייזל איז אוך ניט משנה דאס וואס איך האב אוף אים גוזר גוועזן ער זאל משא טראגן איז ער ניט משנה צו זאגן צו זיין האר דאס איך וועל היינט ניט טראגן קיין משא אונ זיי זענן דאך נאר באשאפן גווארן צו באדינן אייך אונ זענן ניט מקבל קיין שכר אז זיי טוען גוטס אונ ניט קיין עונש אז זיי טוען שלעכץ האבן זיי פארט ניט משנה גוועזן דס וואס איך האב אוף זיי גוזר גיוועזן אונ איר ישראל אז איר טוט גוטץ זענט איר דאך מקבל שכר אונ אז איר טוט שלעכטס זענט איר דאך מקבל איין עונש אונ איר ווילט מיר פארט ניט דר קענן דס אונ מיר דינען הוי וויא צו שרייען אוף דם הייליג פאלק ישראל וואס איז פרקערט גווארן צו גוי חוטא אזינדיג פאלק אפאלק וואס איז שווער מיט זינד זיי זענן גוועזן די זאמן וואס גאט הט זיי געבענשט היינט זענין זיי זרע מרעים זאמן וואס טוען שלעכץ בנים זיי זענן גוועזן קינדר צו גאט היינט זענין זיי משחיתים בידערטרעכטיגע עזבו זיי האבן פרלאזין גאט נאצו זיי האבן דר צערינט דעם הייליגן גאט פון דיא יודען נזורו זייא האבן זיך אפ גשייד פון גאט על מה איבר וואס זענט איר געשלאגן גיווארן עוד תוסיפו אז איר טוט נאך מערן אפ צו קערן פון גאט כל ראש פר וואר איטליכר קאפ איז דאך גקרענקט פון דעם שלאגן וואס מען האט אייך גישלאגן וכל לבב דוי אונ איטליכס הארץ איז גווייטיגט דר פון אונ ווארום זאלט איר ניט פר שטיין זיך איין מוסר נעמן איר זאלט שון גוט זיין מכף רגל פון דעם פוס טרוט ביז אין קאפ איז ניט דא אין אייך קיין גאנץ גליד פצע נאר אלץ וואונדן פון קלעפ פון שווערדן אונ ביילן אונ גיפייבטע מכות לא זורו זייא זענין נאך ניט כשפרייט גיווארען דורך אבצעטע מיט שטוב פון קרייטער וואס היילן ולא חובשו אונ זיי זענן נאך ניט גיפלאסטערט גווארן מיט פלאסטערם ולא רוככה אונ די מכה איז נאך ניט גווייכט גווארן מיט בומל אונ דר תרגום יונתן פר טייטשט דעם פסוק אזוי

מכף רגל מיינט מען פון קליין ביז גרוס איז ניט דא אין זיי איין גוטר מענטש נאר זיי זענן פול פצע מיט פשעים אונ עונות אונ חטאים לא זורו זיי זענען ניט גהיילט גיווארן דר פון כלומר זיי האבן קיין תשובה ניט גטאן דרוף ולא רוככה אונ האבן אפילו ניט גהאט אין זייער הארץ זיי זאלן תשובה טאן דרויף דרום ארצכם איז אייער לאנד וויסט עריכם אייערע שטעט זענין פר ברענט אין פייער אדמתכם פון אייער ערד לנגדכם פר אייערע אוגן זרים עסין זיא פרעמדע ושממה אונ זיא איז וויסט ווי אפיינד וואלט זיא פארוויסט ונותרה אונ דיא שטאט ציון וועט איבר בלייבן ליידיג פון אירע זיצר ווארום זיי וועלן פר טריבן ווערן פון איר כסוכה בכרם אזו ווי דםביידל וואס אין ויין גארטן איז וואס דר היטר זיצט דרינען אונ אז מען שנייט אפ דעם ויין גארטן אזו גייט דר היטר ארוים פון דעם ביידל אונ דס ביידל בלייבט ליידיג אזו וועט דיא שטאט ציון איבער בלייבן ליידיג פון אירע זיצר כמלונה אזו ווי די שטרויענע ביידל וואס עס איז אין דעם קירבעס פעלד וואס דר היטער מאכט עס איבר צו נעכטיגן אין דעם אונ אז מען קלייבט אפ דיא קירבעס לאזט ער די ביידל ליידיג אונ גייט אוועק דר פון אזו וועט די שטאט ציון אוך בלייבן ליידיג כעיר נצורה אונ אזוי וויא אבלעגירטע שטאט וואס חיל בלעגרט זיא אונ מאכן ביידלך ארום דם זיי זאלן דרינען זיצין אונ אז דאס חיל גייט אוועק פון דער שטאט בלייבן דיא ביידלך ליידיג אזו וועט דיא שטאט ציון בלייבן ליידיג זאגט דער נביא לולי יי צבאות הותיר לנו שריד ווען ניט גאט דר האר איבר אלע חיילות וואלט איבר גלאזט צו אונז איין איבר בלייבונג כמעט כסדום היינו וואלטן מיר גאר אין ווייניג צייט פר לענט גווארן אזו וויא סדום לעמורה דמינו צו דעם פאלק פון עמורה וואלטן מיר גוועזן גגליכן שמעו הערט צו דיא רייד פון גאט איר הארן פון יודן וואס איר טוט אזעלכע בייזע מעשים ווי סדום האזינו פר נעמט דס לערנונג פון אונזער גאט איר פאלק ישראל וואס איר טוט אזעלכע בייזע מהאטען גליך ווי עמורה אונ פון דאגן לערנן אונזרע חכמים

# הפטרת דברים

למה לי רב־זבחיכם יאמר יהוה שבעתי עלות אילים וחלב מריאים ודם פרים
וכבשים ועתודים לא חפצתי: כי תבאו לראות פני מי־בקש זאת מידכם רמס
חצרי: לא תוסיפו הביא מנחת־שוא קטרת תועבה היא לי חדש ושבת קרא מקרא
לא־אוכל און ועצרה: חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטרח נלאיתי
נשא: ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם גם כי־תרבו תפלה אינני שמע ידיכם
דמים מלאו: רחצו הזכו הסירו רע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע: למדו היטב
דרשו משפט אשרו חמוץ שפטו יתום ריבו אלמנה: לכו־נא ונוכחה יאמר יהוה

### משלי יהודא

חדשיכם ומועדיכם וגו'. למשל אנגביר הט געהאט עטליכע קינדר. אלע קינדר זענען געוועזן שוואכע און קראנקע הט ער גענומן אדאקטאר צו זיך אין שטוב ער זאל שטענדיג אכטונג געבן אויף זיי, מיט זייער עסן און טרינקן און מעדיצינן. פר דעם הט דר גביר זייער ליב געהאט דעם דאקטאר, און הט אים געגעבן גרוס כבוד, דס איז נאר געווען אזו לאנג ווי די קינדר האבן געפאלגט דעם דאקטאר און האבן גענומן זייגע מעדיצינן, אמאל הט גיטראפין אלע קינדר זענען קראנק געווארין און די מעדיצינן ווס דר דאקטאר הט זיי פארשריבן האבן זיי ניט געוואלט נעמן. הט דר גביר געקוקט אויף דעם דאקטאר מיט אטרויעריגן פנים, הט דר דאקטאר געזאגט צום גביר ווס בין איך שולדיג אז די קינדר ווילן ניט נעמן די מעדיצינן, הט דר גביר געזאגט צום דאקטאר. ווען דו וואלסט ניט געווען ביי מיר אין שטוב, וואלט איך גירעכינט מיינע קינדר פארלארענע און וואלט זיי ארויסגענומן פון מיין הארץ, אבר אז דו ביזט ביי מיר אין שטוב ווס דו ביזט אדאקטאר ווס דו קענסט זיי געזונד מאכין. און זיי ווילן ניט נעמן די מעדיצינן, ווען איך זעה דיך און זעה זיי ווערט מיין טרויער גרעסר, דס זעלביגע איז ביי די שבתים און ימים טובים, דר מדרש זאגט ווען יודין זענן אריינ־געקומן אין ארץ ישראל הט די תורה געזאגט צו הקב"ה די יודין גייען ארבעטין זייערע פעלדר און זייערע וויינ־גערטנר, ווען וועלן זיי לערנן תורה, הט הקב"ה געזאגט איך האב זיי גיגעבין שבתים און ימים טובים וועלין זיי לערנן תורה, ווייל אגאנצע וואך איז דר מענטש פאר־נומען מיט זיין פרנסה הט ער ניט צייט צו דאווגן ניט צו לערנן, און אפילו די ברכות צום עסין און דם בענטשן איז ניט ווי עס דארף זיין, פון דעם ווערט קראנק די נשמה, אז עס קומט שבת און איוד גייט אין שוהל דאווגן און הערט לייענן אין די תורה, און עסט און טרינקט לכבוד שבת, ער וואשט זיך צום עסין ווי דר דין און מאכט אברכה צום עסין זינגט זמירות און בענטשט און לערנט תורה, איז דם אהיילונג צו די נשמה, דריבר הט הקב"ה גיגעבין גרויס כבוד צו דעם שבת, אבר דר מענטש ווס ארבעט און האנדילט אגאנצע וואך, דריבר הט ער ניט צייט צו זינדיגן, אז עס קומט שבת הט ער אליידיגן טאג צו גיין שפאצירן און צו טאן די עבירות ווס ער הט אין דר וואכן צו זיי קיין צייט געהאט, קוקט הקב"ה אויף דעם שבת מיט אפיינד־שאפט, דר שבת זאגט צו הקב"ה ווס בין איך שולדיג אז דייגע קינדר ווילן ניט היילין זייערע נשמות, זאגט הקב"ה ווען עס וואלט ניט געווען אזוי אדאקטאר צו די נשמות ווי דו ביזט וואלט איך מייגע קינדר פארלאזט פון מיין הארצן, אז איך זעה דעם שבת ווס ער איז אגוטר דאקטאר צו די נשמות, און די יודין ניט געגוג זיי ווילן ניט נעמן דעם מעדיצין פון שבת, ווערין די נשמות שבת נאך קראנקר, ווס טויג מיר דר שבת:

### פירוש ע"ט

אפ דם איין מענטש זאל ניט עפינען זיין מול צו בייזין דען ווייל דר נביא האט דא פריער גזאגט מיר וואלטן גלייך גוועזן וויא סדום דרום גלייכט שון דא דר פסוק זיי צו סדום למה וואס טויג מיר אייערע פיל שעכטונג פון קרבנות זאגט גאט שבעתי איך בין זאט פון עולות פון די ווידר און פון חלב פון די גשטאפטע בהמות און שאף כלומר עס איז מיר שון מיאוס גווארן ודם און דם בלוט פון דיא אקסן און שאף און בראנעס ווייל איך ניט כי תבואו לראות פני אז איר קומט גזעהן צו ווערן פר מיר מי ווער בעט איך דאס איר זאלט טרעטין אין מיין הוף ווי באלד אז אייער הארץ איז ניט גאנץ מיט מיר לא איר זאלט ניט מערן צו ברענגן אייערע פאלשע מנחות קטורת ווארום דאס רעמפונג וואס גייט אוף פון דר מנחה איז אום ווירדיג מיר חודש ראש חודש און שבת ווס איר רופט זיך איין צו זאמלן פר מיר לא אוכל קאן איך ניט ליידן און דם אום רעכט ווס אין אייער הארצן איז צו דינען די געטצען ועצרה און דם איין זאמלונג ווס דר מיט איז דם איר זאמילט זיך איין פר מיר דען די צווויי זאכן זענען ניט ראוי צו זיין אין איינם חדשיכם אייערי חדשים און אייערע ימים טובים האס איך היו עלי לטורח זיי זענין מיר איבר לעסטיג געווארין נלאיתי נשא איך בין מיד זיי גווארן צו פר טראגן און דם זאגט ער צו די כהנים ובפרשכם כפיכם און אז איר וועט פר שפרייטן אייערע הענד צו בעטן אויף די יודן אעלים עיני מכם וועל איך פר הולן מיינע אוגין פון אייך גם און אפילו ווען איר וועט מערן תפלה טאן אינני שומע וועל איך ניט צו הערן ידיכם ווייל אייערע הענד זענן פול מיט בלוט פון רציחה רחצו הזכו וואשט אייך און לייטערט אייך הסירו טוט אפ אייערע שלעכטע טהאטען פון מיינע אוגען חדלו הרע פר מייט אייך בייז צו טאן רש"י שרייבט דא שטייען צעהן ערליי לשונות פון תשובה אקעגין עשרת ימי תשובה און אקעגין די צעהן פסוקים פון מלכיות און זכרונות און שופרות ווס מען זאגט אום ראש השנה למדו היטב לערינט אייך גוטס צו טאן דרשו משפט זוכט גירעכטיקייט אשרו חמוץ שטארקט דעם גירויבטען שפטו יתום ריכטעט דעם משפט פון איתום ריבו אלמנה ריכטעט ריכטיג די קריג פון איין אלמנה לכו נא ונוכחה לאמער זעהן ווער

פון

אִם־יִהְיוּ חֲטָאֵיכֶם כַּשָּׁנִים כַּשֶּׁלֶג יַלְבִּינוּ אִם־יַאְדִּימוּ כַתּוֹלָע כַּצֶּמֶר יִהְיוּ: אִם־תֹּאבוּ וּשְׁמַעְתֶּם טוּב הָאָרֶץ תֹּאכֵלוּ: וְאִם־תְּמָאֲנוּ וּמְרִיתֶם חֶרֶב תְּאֻכְּלוּ כִּי פִּי יְהוָה דִּבֵּר: אֵיכָה הָיְתָה לְזוֹנָה קִרְיָה נֶאֱמָנָה מְלֵאֲתִי מִשְׁפָּט צֶדֶק יָלִין בָּהּ וְעַתָּה מְרַצְּחִים: כַּסְפֵּךְ הָיָה לְסִיגִים סָבְאֵךְ מָהוּל בַּמָּיִם: שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים וְחַבְרֵי גַּנָּבִים כֻּלּוֹ אֹהֵב שֹׁחַד וְרֹדֵף שַׁלְמֹנִים יָתוֹם לֹא יִשְׁפֹּטוּ וְרִיב אַלְמָנָה לֹא־יָבוֹא אֲלֵיהֶם: לָכֵן נְאֻם הָאָדוֹן יְהוָה צְבָאוֹת אֲבִיר יִשְׂרָאֵל הוֹי אֶנָּחֵם מִצָּרַי וְאִנָּקְמָה מֵאוֹיְבָי: וְאָשִׁיבָה יָדִי עָלַיִךְ

פירוש

פון אונז איז אום גערעכט אונ חאטש איר זייט דאך אום גערעכט פון דעסט וועגין גיב איך אייך דאך איין האפנונג דאס איר זאלט תשובה טאן אונ אז איר וועט תשובה טאן אם ווען אפילו אייערע זינד וועלן זיין גיצייכינט פאר מיר רוט אזו וויא דאס רויטקייט פון רוטע פארם כשלג ילבינו וועלען זייא ווייס ווערין אזו ווי שניי אם יאדימו כתולע אונ ווען זייא וועלן אפילו זיין רוט אזו וויא ווערמיל פארב כצמר יהיו וועלן זיי דאך ווייס ווערן אזו ווי ווייסע וואל . רש"י שרייבט די פארב וואס מען פארבט מיט איר רוט איז קערינדלעך אונ אין איטליכען קערינדל איז דא איין ווארם אדר עס גייט ארויף וום ער האט זיי פריער גזאגט חדלו הרע למדו היטב דרשו משפט זאגט היינט גאט אז איר וועט האבען אזו גטאן דענסטמאל לכו נא ונוכחה גייט אונ לאמר זיך בווערן מיט אנאנדר זייט איר מיר מודיע צו זאגן מיר האבן גטאן דס וום אוף אונז איז מוטל טו דו וואס אוף דיר איז מוטל וועל איך זאגן אם יהיו חטאיכם כשנים ווען אייערע זינד וועלן זיין גצייכנט פר מיר אזו רוט ווי רוטע פארם כשלג ילבינו זאלין זיי ווייס ווערן אזו וויא שניי אם תאבו ושמעתם אוב איר וועט וועלן אונ וועט מיר הערן טוב וועט איר עסן דס בעסטע פון דעם לאנד ואם תמאנו אונ אוב איר וועט מיר ניט וועלין הערן אונ וועט ווידער שפעניגן מיינע רייד חרב תאכלו וועט איר פר דארבן ווערען דורך דעם שווערד פון פיינט כי פי יי דבר דען גאטס מויל הט עס גרעט דרום וועט עס גווים זיין: דס קלאגט דר נביא אונ זאגט איכה וויא אזו איז זיא גווארן איין אפ קערן פון איר גאט קריה נאמנה דיא בגלייבטע שטאט ירושלים מלאתי משפט זיא איז פול גוועזן מיט משפט אין דער פסיקתא שטייט ר' מנחם בר אושעיה זאגט פיר הינדערט אונ איין אונ אכציג שולן חוץ דעם בהמ"ק זענען גוועזן אין ירושלים אזו פיל ווי דאס ווארט מלאתי בטרעפט צדק גרעכטיקייט הט שטענדיג גנעכטיגט אין איר דען דר קרבן תמיד פון אין דר פריא הט מכפר גוועזן אוף די עבירות פון ביי נאכט אונ דר קרבן תמיד פון פר נאכט הט מכפר גוועזן אוף די עבירות פון ביי טאג ממילא איז אין איר קיין מאל ניט גוועזן קיין עבירות אדר צדק מיינט מען אז זיי פלעגן דן זיין דיני נפשות אונ פלעגין ניט גפונען

ע"ט

קיין זכות אויף דעם מערדר פלעגן זיי נאר גומר זיין דין ערשט אין דעם אנדרן טאג טאמער וועלן זיי דער ווייל געפינען אוף אים א זכות ועתה מרצחים אונ היינט זענען זיי רוצחים זיי האבן גהרגת זכריה כספך היה לסגים דיין זילבער איז גווארן פסולת דס מיינט מען זיי פלעגן מאכין קופער געלד אונ פלעגן עס בדעקין מיט זילבער צו נארן דער מיט סבאך דיין גטראנק איז צו מישט מיט וואסר שריך סוררים דיינע הארן זענין אפ קעררעם זיי קערן אפ פון דעם גוטן וועג וחברי גנבים אונ זיי זענין חברים מיט גנבים כלו אוהב שוחד זיי אלע האבן ליב צוא נעמן שוחד ורודף שלמונים אונ איטליכר דיין יאגט נאך בצאלונג דהיינו ווען איין דיין גזלת עפים ביי איינם אונ דר נגזל קומט קלאגן זיך ביים אנדערן דיין זאגט דר דיין וום הט גנזילת צו דעם אנדרן דיין מאך מיך היינט גרעכט אין מיין משפט דען וועל איך דיר בצאלן אז דו וועסט עפים גזלנן ביי איינם אונ יענר וועט דיך קומן קלאגן פר מיר וועל איך דיך אויך גירעכט מאכן יתום איין יתום טוען זיי ניט משפטן דרום וריב טוט די קריג פון דער אלמנה גאר ניט קומן צו זיי ווארום אז די אלמנה קומט זיך קלאגן אונ דר יתום גייט ארום פון דעם דיין אונ די אלמנה בגעגנט אים אונ פרעגט אים וום האסטו גהאלפן מיט דיין שרייען פר דעם דיין ענטפרט ער איר איין גאנצן טאג האב איך מיך גמיט אונ צום סוף האב איך ניט גהאלפן מיט מיין שרייען אונ ווי די אלמנה דר הערט עס קערט זיא זיך אום צוריק אונ וויל גאר ניט גיין צום דיין דען זיא טראכט זיך ער איז דאך איין מאנזביל אונ הט ניט גהאלפן מיט זיין גשריי פר דעם דיין מכל שכן וום וועל איך שון העלפען מיט מיין גשריי דרום זאגט דר פסוק וריב די קריג פון איין אלמנה טוט גאר ניט קומן צו זיי לכן נאם דרום זאגט גאט וום ער איז איין גאט איבר אלע חיילות וום אלץ איז זיין אונ אין זיין האנד איז אום צו רייסן אייך פון דעם לאנד אונ צו פלאנצין אנדרע אין דעם לאנד אביר ישראל שטארקר גאט פון די יודן הוי אנחם איך וועל ווערן גטרייסט פון מיינע בלידיגר וום האבן מיך דר צערינט מיט זייערע מעשים ואנקמה אונ איך וועל זיך רעכנען מיט מיינע פיינט ואשיבה איך וועל אום קערן מיין האנד אוף דיר כלומר איך וועל דיך

שלאגן

# הפטרת דברים

ואצרף כבר סגיך ואסירה כל־בדיליך: ואשיבה שפטיך כבראשנה ויעציך כבתחלה אחרי־כן יקרא לך עיר הצדק קריה נאמנה: ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה:

## פירוש ע"ט

שלאגן איין שלאק נאך דעם אנדערן ביז די שלעכטי וועלן פר לענט ווערן ואצרוף אונ איך וועל לייטערן אזו ווי די זייף לייטערט די פלעקין פון איין קלייד אזו וועל איך לייטערן דיינע פסולת דם מיינט ער די שלעכטע וואס זענען צו מישט צווישן די גוטע דיא וועל איך פר לענדין ואסירה אונ איך וועל אפ טאן גאר דיין צין וואס איז צו מישט צווישן דעם זילבר דם מיינט ער אוך די שלעכטע וואס זענען צו מישט צווישן די גוטע ואשיבה אונ איך וועל אום קערין דיינע שופטים אזו ווי צום ערשטן כלומר איך וועל דיר אוף שטעלין גוטע שופטים ויועציך אונ דיינע יועצים וועלין זיין ערליך אזו ווי פריער אחרי כן דער נאך וועט ווערן גרופן צו דיר די גירעכטע שטאט קריה נאמנה די בגלייבטע שטאט ציון די שטאט ציון במשפט דורך דעם משפט וואס מען וועט אין איר טאן וועט זיא ווערען אוים געלייזט פון איר זינד ושביה בצדקה אונ אירע בעלי תשובה וואס אין איר וועלען זיין וועלען זייא ווערען אוים געלייזט דורך זייער צדקה וואס זייא וועלען טאהן:

---

## מנין המצות כפ' ואתחנן יש בה י"ב מצות ח' עשין וד' לאוין:

[תטז] (לאו רנה) שלא להתאוות שים דבר של חבירו אפי' בלב שנא' ולא תתאוה בית רעך שדהו וגו':

[תיז] (עשה קעב) ליחד שבו יתב' באמונה שלמה שיהיה ידוע לנו שהוא פועל כל המציאות וסבתו הראשונה והוא אחד ארון הכל בלי שותף. ונקבל על עצמינו עול מלכות שמים באחדות גמורה. וזהו שנאמר שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד:

[תיח] (עשה קעג) לאהוב את ה' ית' באופן שישים האדם את כל לבו ודעתו וכל מגמתו לדעת דרכיו ולאהבה אותו כמ"ש ואהבת את ה' אלהיך:

[תיט] (עשה קעד) ללמוד תורה וללמדה שנא' ושננתם לבניך:

[תכ] (עשה קעה) לקרוא קריאת שמע ערבית ושחרית שנאמר ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך:

[תכא] (עשה קעו) להניח תפילין של יד שנאמר וקשרתם לאות על ידך:

[תכב] (עשה קעז) להניח תפילין של ראש שנאמר והיו לטטפת בין עיניך:

[תכג] (עשה קעח) לקבוע מזוזה במזוזת פתח הבית שנא' וכתבתם על מזוזת ביתך ובשעריך:

[תכד] (לאו רנו) שלא לנסות ולהסתפק ביעודין שיעדו הנביאי' שהוחזקו אצלינו לנביאי האמת והצדק שנא' לא תנסו את ה' אלהיכם:

[תכה] (עשה קעט) להרוג ולאבד את השבעת עממין שהיו מחזיקין בא"י קודם שנכבשה והם הכנעני וגו' שנאמר החרם תחרים אותם:

[תכו] (לאו רנז) שלא לחמול על שבעה עממין האלו ולא ליפות ולספר בשבח וחן שום דבר מטה שמיוחד להם שנא' ולא תחנם:

[תכז] (לאו רנח) שלא להתחתן בם שנא' לא תתחתן בם:

---

## דברים ג ואתחנן

כג ואתחנן אל־יהוה בעת ההוא

## אונקלוס

כג וצליתי קדם יי בעדנא

תו"א ואתחנן אל ה' ברכות ו לג:

### רשב"ם

(כג) ואתחנן. התלוה. כדכתיב למעלה היום הזה אחל תת פחדך. התלות החי"ת גורמת לה' פת"ח וכן העידותי מצפון.וכן העדותי בכם

### בעל הטורים

(כג) ואתחנן. לעיל כתיב לא תיראום חזקתי את ישראל אולי ירחם עלי: ואתחנן. בגי' שירה שאמר לפניו שירה כדי שישמע

### בית יהודא

(כג) ואתחנן, זאגט רש"י (אין חנון בכל מקום אלא לשון מתנת חנם) ווא עס שטייט דר ווארט חנון מיינט מען אאומזיסטע מתנה, משה הט געבעטן ביי הקב"ה ער זאל אים שיינקען א מתנה, די מתנה וועט זיין הקב"ה זאל אים לאזן אריין גיין אין ארץ ישראל, זאגט רש"י (אף על פי שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים) אפילו צדיקים דארפן ניט בעטן מתנות ביי הקב"ה, זיי קענן מאכן אחוב עס קומט זיי צו בצאהלן פר זייערע מעשים טובים פון דעסטוועגן (אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם) בעטען זיי פון הקב"ה נאר אאומזיסטע מתנה ואונ זיי זאגען פאר זייערע מעשים טובים קומט זיי גאר ניט. פון וואנען הט משה געוואסט אז הקב"ה גיט אומזיסטע מתנות? (לפי שאמר לו וחנותי את אשר אחון) ווייל הקב"ה האט אמאהל

### רש"י

(כג) ואתחנן. אין חנון בכל מקום אלא לשון מתנת חנם אף ע"פ שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם לפי שאמר לו (שמות לג) וחנותי את אשר אחון ב אמר לו

### שפתי חכמים

א דאל"ב הל"ל ואתחלל: ב ר"ל מהיכן ידע משה לבקש מהקב"ה בקשה אף במתנת חנם ולא בשביל מעשים טובים וע"ז

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(כג) ואתחנן אל ה'. שבעה שמות נקראו לתפלה ואלו הן תפלה התחנה צעקה זעקה נפילה פגיעה רנה ובכלן

### ליקוטים על התורה

(כג) ואתחנן אל ה' וגו' לאמר, דר מדרש שרייבט וואס מיינט מען לאמר, צו זאגען, משה האט געבעטן ביי הקב"ה זיין זינד וואס ער הט געטאן זאל ווערן פארשריבן אין די תורה, למשל מען האט געבראכט צוויא ווייבער צום משפט, איינע האט זונה געווען אונ א יגע הט געגעסן אומצייטיגע פירות וואס האבן געוואקסן אין דעם שמטה יאר, הט דער שופט געהייסן מען זאל ביידע ווייבר פירען אין דיא גאסן צו פארשעמן זיי מען זאל

### פירוש לתורת אלהים

(כג) ואתחנן אונ איך האב גיבעטען אל יי צו גאט אז איך זאל מעגין קומען קיין ארץ